**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/4/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט אז פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע וועט אפפערן פעדעראלע הילף פאר איינוואוינער און ביזנעסער אין קלינטאן קאונטי וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך יולי פארפלייצונגען

***פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע וועט גיבן הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט פאר בארעכטיגטע איינוואוינער און ביזנעסער וועלכע זענען אפעקטירט געווארן פון שווערע רעגנס און פארפלייצונגען אין קלינטאן קאונטי***

***דעקלעראציע צייכנט אפ א ביישפיל פון ניו יארק זיך באנוצנדיג מיט פינאנצירונג פון דעם 'קאטאסטראפע הילף פאר שטעטלישע קאמיוניטיס פראגראם'***

***א פנים-אל-פנים קאטאסטראפע הלוואה הילף צענטער וועט זיין אפן ביי די עלענבורג טאַון האָל אום מיטוואך דעצעמבער 6***

***הלוואה אפליקאציעס זענען אויף אפן אנליין [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע (Small Business Administration, SBA) וועט אפפערן פעדעראלע הילף פאר ניו יארקער אין קלינטאן קאונטי וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע רעגנס און פארפלייצונגען אין יולי פון 2023. איינוואוינער און ביזנעסער אין קלינטאן קאונטי זענען יעצט בארעכטיגט צו אפלייען פאר הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט זיי צו ארויסהעלפן מיט זייער ערהוילונג פון די געשעעניש א דאנק א נייער SBA פראגראם וואס אפפערט נאך פינאנציעלע הילף פאר מענטשן אין שטעטלישע געגנטער וואס ווערן באטראפן דורך קאטאסטראפעס. ניו יארק האט צום ערשטן מאל ארויסבאקומען די דעקלעראציע אונטער דעם פעדעראלן 'קאטאסטראפע הילף פאר שטעטלישע קאמיוניטי' (Disaster Assistance for Rural Communities) פראגראם וואס איז ארייגעשריבן געווארן אין געזעץ דעם פאראגאנגענעם יוני.

"קלינטאן קאונטי איז אריבער היסטארישע שטאפלען פון רעגן און פארפלייצונגען אנהויב יולי, שווער באטרעפנדיג קליינע ביזנעסער און איינוואוינער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט וועלן העלפן די וועלכע זענען אפעקטירט געווארן פון די פארפלייצונגען זיך צו ערהוילן און זיך צוריקשטעלן אויף די פיס. מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז ניו יארקער וועלכע ליידן אונטער די הענט פון שווערע וועטער קענען באקומען וויפיל פעדעראלע הילף עס איז נאר מעגליך."

דער פעדעראלער 'קאטאסטראפע הילף פאר שטעטלישע קאמיוניטי אקט' אויטאריזירט די SBA צו מאכן דעם פראצעדור גרינגער פאר א גאווערנער צו פארלאנגען אן SBA דיזעסטער דעקלעראציע אין שטעטלישע קאונטיס. אונטער דעם נייעם פראגראם, קען אן SBA דעקלעראציע געמאכט ווערן מיט בלויז

איין געשעדיגטע פראפערטי אין א שטעטלישע געגנט אין פעלער ווען די קאונטי האט ארויסבאקומען א מעידזשאר דיזעסטער דעקלעראציע פאר פובליק הילף אבער נישט אינדיווידואלע הילף. די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע האט באשטימט אז קלינטאן קאונטי איז בארעכטיגט געווען פאר דעם נייעם פראגראם, און זי וועט צושטעלן הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט פאר ביזנעסער און באטראפענע מענטשן.

**ניו יארק סטעיט היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "אין יולי האבן היים אייגנטימער און ביזנעסער אריבער גאנץ קלינטאן קאונטי אריינגעכאפט שאדן פון די שווערע רעגנס און פארפלייצונגען וואס האבן באטראפן א גרויסע חלק פון די סטעיט. א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, און א דאנק די SBA'ס נייער קאטאסטראפע הילף פאר שטעטלישע קאמיוניטי פראגראם, וועלן ניו יארקער אין קלינטאן קאונטי יעצט קענען צוקומען צו די הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט וואס זיי דארפן צו ארויסהעלפן מיט זייער ערהוילונג."

פון יולי 09 ביז יולי 10 האבן חלקים פון די נארט קאנטרי געזעהן עטליכע אינטשעס רעגן אין א קורצע צייט אפשניט, פאראורזאכנדיג חורבנות-אנזייענדע פארפלייצונגען, אפשפארנדיג שאסייען און שעדיגנדיג אינפראסטרוקטור. בעפאר די שטורעם האט גאווערנער האקול פאראָרדנט סטעיט אגענטורן צו צוגרייטן עמערדזשענסי אפרופונג מיטלען און צו שטיין אין פארבינדונג מיט לאקאלע רעגירונגען. די גאווערנער האט ארויסגעשיקט קאטעסטראפע הילפס-מיטלען צו באטראפענע ערטער אזוי ווי די שטורעמעס האבן זיך אריבערגערוקן די סטעיט, אריינרעכענענדיג טראנספארטאציע דעפארטמענט מאנשאפטן וועלכע האבן געארבעט צו צוריק עפענען סטעיט הייוועיס און בריקן. נאך די שטורעם האבן די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) און קלינטאן קאונטי דורכגעפירט א גרונטליכע אפשאצונג פון די שטורעם שאדנס. אום יולי 22, האט גאווערנער האקול אנאנסירט די באשטעטיגונג פון א מעידזשאר דיזעסטער דעקלעראציע פאר קלינטאן, דאָטשעס, עסעקס, העמילטאן, אָנטאַריאו, אראנדזש, פּאָטנעם און ראקלענד קאונטיס, א דעקלעראציע וואס האט פארזיכערט פעדעראלע פינאנציעלע הילף צו צושטעלן פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען, שבטים און בארעכטיגטע נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס צו אפרייניגן שמוץ, אפהיטונג מאסנאמען און פאררעכטונגען צו געביידעס און אינפראסטרוקטור.

די פאלגענדע גרופעס אין קלינטאן קאונטי קענען יעצט מעגליך זיין בארעכטיגט פאר SBA קאטאסטראפע הלוואות:

- היים אייגנטימער: ביז $200,000 צו פאררעכטן זייער הויפט וואוינונג.
- היים אייגנטימער און טענאנטס: ביז $40,000 צו פאררעכטן אדער ערזעצן געשעדיגטע אדער חרוב'ע פערזענליכע פארמעגן.
- ביזנעס אייגנטימער: ביז $2,000,000 צו ערזעצן ריעל עסטעיט שטח, זאפאסן, מאשינען, עקוויפמענט און אנדערע פיזישע פארלוסטן.
- ביזנעסער און נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס: עקאנאמישע וואונדן קאטאסטראפע הלוואות פאר ביז $2,000,000 צו צושטעלן די נויטיגע געלטער פאר אנגייענדע אפעראציעס ביז די אפעראציעס ווערן צוריק נארמאל נאך א קאטאסטראפע.

די SBA שטעלט אויף א קאטאסטראפע הלוואה הילף צענטער ( Disaster Loan Outreach Center, DLOC) צו העלפן ניו יארקער אפלייען פאר הילף פנים אל פנים ביי:

- **Town of Ellenburg Town Hall**, 13 Brandy Brook Road, Ellenburg Center, NY 12934

די DLOC וועט זיך עפענען מיטוואך, דעצעמבער 6 אום 11:00 אינדערפרי. די צענטער'ס אפענע שעות וועלן זיין 9:00 אינדערפרי – 6:00 אוונט מאנטאג-פרייטאג; שבת 10:00 אינדערפרי – 2:00 אוונט און פארמאכט זונטאג. קאסטומער שטיצע אגענטן שטייען גרייט אויף צו העלפן אפליקאנטן מיט אויספילן די אפליקאציע ווי אויך ענטפערן פראגן וועגן דער SBA קאטאסטראפע הלוואה פראגראם. די צענטער איז פלאנירט צו זיין פארמאכט אום פרייטאג, דעצעמבער 22.

אפליקאציעס פאר קאטאסטראפע הלוואות קענען אריינגעגעבן ווערן אנליין נוצנדיג די MySBA הלוואה פארטאל אויף https://lending.sba.gov. אפליקאנטן קענען אויך אנרופן די SBA'ס קאסטומער סערוויס צענטער אויף 1-800-659-2955 אדער שיקן אן אימעיל צו disastercustomerservice@sba.gov.

מענטשן וואס זענען טויב, הערן שוואך אדער האבן רעדן דיסאביליטיס קענען רופן 7-1-1 אנצוקומען צו די 'רילעי' סערוויסעס מיט הילף צו קאמוניקירן איבער די טעלעפאן.

אויסגעפילטע אפליקאציעס זאלן אריינגעשיקט ווערן דורך די פאסט צו U.S. Small Business Administration, Processing and Disbursement Center, 14925 Kingsport Road, Fort Worth, TX 76155

די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר שאדנס צו פיזישע פארמעגנס איז יאנואר 30, 2024. די לעטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר עקאנאמישע שאדן איז סעפטעמבער 3, 2024.

**טשעירמאן פון די קלינטאן קאונטי לעגיסלאטור, מארק ר. הענרי, האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר אז די קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע קאטאסטראפע הלוואות ווערן ארויסגעגעבן סיי פאר איינוואוינער און סיי פאר ביזנעסער אין קלינטאן קאונטי. די יולי פארפלייצונגען האבן אנגעברענגט חורבנות פאר פילע, און די הלוואות וועלן גיין א לאנגע וועג צו העלפן די וועלכע זענען נישט געגעבן געווארן הילף פון FEMA אדער וועלכע האבן נישט געהאט די נויטיגע אינשורענס דעקונג צו דעקן די פארלוסטן. קלינטאן קאונטי איז גאר דאנקבאר פאר די גאווערנער פאר אירע באמיאונגען ביים פארזיכערן די פעדעראלע הילף און פאר אונזערע פעדעראלע שותפים פארן אויפזעהן איבער דעם פראגראם. איך וויל מוטיגן אלע וועלכע זענען אפעקטירט געווארן צו אויסנוצן די געלעגנהייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן